


# Żydowska gazeta ilustrowana. — Jüdische Illustrierte Zeitung.

Wychodzi każdego piątku. **Prenumerata wynosi**: Rocznie K. 10 — Rbs. 5 — M. 12.-Frs 15. Półrocznie 5 K. — Rbs. 2.50 — M. 6 — Frs 7.50, kwartalnie K. 2.75 — Rbs. 1.50 — M. 2.25 — Frs. 4. Pojedyn. egzemplarz 20 hal. — 10 kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redakcya i Administracya** Kraków, Grodzka 62 — telefon 412 — Konto Pocztowej Kasy Oszczędności 57.341. **Ogłoszenia przyjmuje**: Biuro reklamowe i anonsów »Prinzipia« w Krakowie św. Marka 21.

Erscheint jeden Freitag. **Abonnementspreis**: jährlich K. 10. — Rbl. 5. — M. 12. — Frs 15.—halbjährlich K. 5. — Rbl 2·50. — M. 6 — Frs 7·50, — vierteljährlich K 2·75. — Rbl 1·50. — M. 2 25. — Frs 4. — Einzelne Nummer: 20 Heller — 10 Kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redaktion und Administration**. Krakau, Grodzka 62. — Telephon 412. — Oester. Postsparkassen-Konto 57.341. **Inseraten-Annahme**: Reklame-Bureau »Prinzipia« Krakau, Markagasse 21.

ערשיינט יעדען פרייטאג. אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך 10 קראנען, = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = 1.50 רובל. — איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ. — אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50, פיערטעליעהריג 4 פראנק. רעדאקציאן אונד אדמיניסטראציאן: קראקא גראָדגאססע 62. — טעלעפאן נר׳ 412 — עסטערר. פאסטשפארק.-קאנטא נר׳ 57,341. אינזעראטען-אננאהמע: אנאנסען-בירא „פרינציפיא" קראקא, מארקא-גאססע 21.

# א מאָרד אים אייזענבאהן-וואַגאָן.



מאָרד אים אייזענבאהן-וואַגאָן: די סצענע פון דער ערמאָרדונג. (אויבען רעכטס איז דאָס בילד פון דעם הויפטמערדער מישעל.)

דיעיניגע אבאנענטען, וואס זייער אבאנעמענט ענדיגט זיך מיט דיעזע נומער, בעקומען ביינעלעגט א פאסט־שעק, מיט וועלכען זיי זאלען עם תיכף ערנייערן, כדי מיר זאלען נישט זיין געצוואונגען, אויפצוהערען מיטן צושיקען פון אונזער בלאט.

די פ. ט. אנגענטען ווערען אויפגעפאדערט, תיכף צו בעגלייכען זייערע רעכנונגען, ווי"ל ז.אנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

אונזער הויפטפערטרעטער אין רוסלאנד איז: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר' 49, פיליאלע אין לאדז: פשעיאזד נר' 16.

אין רומעניען: יאזעף בארטפעלד, פאשקאני.

אין בעלגיען: ס. קאהאן, אנטווערפען.

אין אמעריקא: ש. דרוקערמאן, ניו־יארק, 50 קאנאל־סטריט.

## די אדמיניסטראציע.

# א מארד אין אייזענבאהן־וואגאן.

אם 15 דעצעמבער 1909 האט מען אויפ'ן פאריזער באהנהאף בעמערקט, אז די טהיר פון א דאמען קופעע אין א ערשט־קלאסיגען וואגאן איז געוועזען אויפגעריסען און אין קופעע האט מען קיינעם נישט געטראפען, נאר א קאלוזשע בלוט.

די באהן־דירעקציע האט דאפין תיכף פערשטענדיגט די פאליציי און נאך לאנגען נאכזוכען האט מען אויף דער באהן־שטרעקע צווישען ברונאי און פאריז געפונען א פערוואונדעטע פרויענליייכע, וועלכע מען האט דערקענט אלס די פרוי אלמנה פונ'ם געוועזענעם פאריזער באנק־דירעקטאר נ ו מ י ן.



א גיפט־אפערע אין פאריז. דער פערגיפטעטער גאדא־ר.

די פאליציי האט צו ערשט אנגענומען, אז די פרוי נומין איז ארויסגעפאלען פונ'ם קופעע און איז אויף אזא אופן געהרגע'עט געווארען. נאר איהרע קרובים האבען באלד בעמערקט, אז ס'פעהלען איהר די צוויי קאסטבארע רינגען, וועלכע זי פלעגט שטענדיג צו טראגען אויף איהרע פינגער און דאפון האבען זיי זיך משער געווען, אז זי איזט אוודאי ערמארדעט געווארען אין האבען אויסגעשריעבען א פרעמיע פון צוועלף טויזענד פראנק פאר דעם יעניגען וואס וועט ענטדעקען דעם מערדער פון דער פרוי נומין.

נאך דער אויסשרייבונג פון דער פרעמיע זענען אלע מאל געקומען אנדערע פאסאזשירען, וואס זענען געפאהרען מיט יענעם צוג און האבען יעדער צוביסלעך געשילדערט דעם פערלויף פון דער דעמאלסדיגער רייזע, ביז ס'איז געפאלען דער חשד אויף די צוויי סאלדאטען מ י כ ע ל און נ ר א ב, וועלכע האבען גראד דעמאלט געהאט אורלויב פון זייער רעגימענט און זענען זיך אביסעל געפאהרען קיין פאריז.

אנפאנגס האבען זיי געלייקענט, זיי האבען אפילו אויסגעוויעזען, וואו זיי האבען זיך אין דער קריטישער צייט געפונען און מען האט זיי נאך דער ערשטער ארעטירונג באלד ארויסגעלאזט. נאר ווען ס'זענען געקומען פרישע עדות און האבען ווידער בעהויפטעט או מ'האט זיי געזעהן פאהרען מיט דעם צוג און אפילו שטעהן אויף דעם פלאטפארם פון דער בעט־עפענער קופע. אין וועלכען די פרוי נומין איז געפאהרען, דעמאלט האט מען זיי צום צווייטען מאל ארעטירט און דאסמאל האבען זיי שוין מודה געווען, דאס זיי זענען די אייגענטליכע מערדער פון דער פרוי נומין.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א פאטאגראפישע אויפנאהמע, וועלכע שטעלט פאר דעם שרעקליכען מארד.

# די ציוניסטישע דעלעגאטען אויפ'ן האמבורגער האפען.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן ציוניסטישען־קאנגרעס אין האמבורג האט די האמבורגער אמעריקא־ליניע, איינגעלאדען די דעלעגאטען פון קאנגרעס און די פארשטעהער פון דער פרעסע צו מאכען א רונד־רייזע אין איהרע שיפען ארום האפען און צו בעזוכען די האלען פון די עמיגראנטען, אויך צו בעטראכטען דאס דאמפף־שיף „אמעריקא".

לערך 400 ציוניסטען־דעלעגאטען און זשורנאליסטען האבען די איינלאדונג אנגענומען און האבען פערטאג מיט'ן וויצע־פרעזידענט פון קאנגרעס, דר. בארענהיימער פון קעלן, בעזוכט דעם האמבורגער האפען, דורך וועלכען עס וואנדערען אויס צעהנדליגער טויזענדער פון אונזערע עמיגראנטען.



די ציוניסטישע דעלעגאטען אויפ'ן האמבורגער האפען: א גרופע אויסוואנדערער פאר די אויסוואנדערע־האלען פון דער „האמבורג־אמעריקא־ליניע".



ציוניסטישע דעלעגאטען אויף'ן האמבורגער האפען: די דעלעגאטען אויף'ן שיף „אמעריקא" פון דער „האמבורג-אמעריקא-ליניע".

ביי די ס'מ פאולי-איינשטייגונגס-בריקען איז שוין געשטאנען גרייט דאס סאלאנען-דאמפף-שיף „ווילקאמען", בעפוצט מיט פאהנען, און האט געפיהרט די געסט, ביי זעהר א שעהנעם, טרוקענעם ווינטער-וועטער און ליכטיגען זון-שיין דורך פערשיעדענע ערטער פון פארט, וועלכע האבען געמאכט זעהר א אינטערעסאנטען איינדרוק אויף די דעלעגאטען, איבערהויפט אויף די וואס האבען אזא ערשיינונג צום ערשטען מאל געזעהן.

ביי דעם עק פון האפען האט זיך דאס שיף געשטעלט און די רייזענדער-געסט האבען אויסגעשטיגען פון „ויל-קאמען" און אונטער דער פיהרונג פון ספעציאליסטען געגני' בעטראכט די האלען, וואס זענען איינגעריכטעט פאר די עמיגראנטען, מיט זייערע מאסען הינעינישע און אנדערע איינארדנונגען, וייערע וואהנונגען און בעזונדערע נאסען, ווען א מחנה עמיגראנטען האט געטאנצט א ענול ביי די קלאנגען פון דער מוזיק.

ווי פערשיעדען עס איז געוועזען די נאציאנאליטעט פון די אויסוואנדערער, וואס האבען זיך דאן געפונען אין די עמיגראציאנס-האלען, איז געוועזען דאס בילד פון די בעזוכער קאנגרעס-לייט נאך פערשיעדענארטיגער, ווייל די דעלעגאטען פון קאנגרעס בעשטעהען דאך פון רוסען און אמעריקאנער, עסטרייכער און פראנצויזען, ענגלענדער, איטאליענער און טערקען, מענער מיט פרויען צוזאמען, זיי אלע האבען בעטראכט דאס עמיגראנטען-שטעטל, וואס די האמבורג-אמעריקאנער-ליניע האט דא בעשאפען.

דערנאך איז די גאנצע מחנה דעלעגאטען און זשורנאליסטען געפאהרען צו די קוהווערדער פארטען, וואו דאס שיף „אמעריקא" האט זיך געפונען.

די בעזוכער זענען אריבערגעגאנגען פון איין דעק אויפ'ן אנדערן, בעקוקט די צימער און סאלאנען, איבערהויפט אבער דעם צווישענדעק, וואו עס פאהרען דער גרעסטער טייל פון די עמיגראנטען, און זענען זיך ענדליך צוזאמענגעקומען אין רויך-סאלאן פון דער ערשטער קלאס, וואו פאר זיי אלעמען איז געוועזען צוגעגרייט א פריהשטיק.

דאי האט דאס שיף „ווילקאמען" אבגעפיהרט די געסט צוריק צו די אבשטייגונגס-בריקען, נאך זייענדיג אויפ'ן שיף האבען די דעלעגאטען אנגעהויבען זינגען דאס ציוניסטישע ליעד „עוד לא אבדה תקותנו", און מיט געזאנג זענען זיי אויסגעשטיגען פון שיף אויפ'ן ברעג.

---

# אפארשונגס-רייזענדער מארדעט אין תימן.

אין האדיידא, אין תימן, איז דער פארשונגס רייזענדער הערמאן בוקהארדט פון די דארטיגע איינוואוינער ערמארדעט געווארען.

הערמאן בוקהארדט איז געבוירען געווארען אין בערלין אינ'ם יאהר 1867. אל'ס א זוהן פון רייכע יודישע עלטערן האט ער זיך צוגערישט געווידמעט דעם קויפמענישען בעריף. ער האט זיך אבער באלד איבערצייגט, אז ער בעזיצט ווענינ סוחרי'ישען זין, דאגעגען חשק האט ער געהאט צו רייזע-שטודיען און זיין אידעאל איז געוועזען צו בערייזען אלע פינף וועלט-טהיילע. זיינע ערשטע פארשונגס-רייזען האט ער געמאכט אין אמעריקא, א נדיען און אויסטראליען. דאן האט ער זיך געווידמעט אויסשליעסליך דער אריענט-פארשונג און איז דורכגעפאהרען אין דער לענג און אין דער בריים גאנץ סיריען, תימן, פערזיען, כונא-א, מורח-אפריקא און סיווא.

פון דיזע אלע רייזען האט ער געמאכט פאטאגראפישע אויפנאהמען, וועלכע, ער האט אוועק געגעבען אין די וויסענשאפטליכע אינסטיטוציעס און האט געדרוקט א סך רייזע-בעשרייבונגען און בעריכטע, וועלכע געפינען זיך אין אלע גרעסערע ביבליאטהעקען. א חוץ דעם האט ער ענטדעקט א סך אריענטאלישע שריפט-צייכענס און אנדערע געגענשטענדע, וועלכע האבען א גרויסע וויסענשאפטליכע בעדייטונג.

זיין לעצטע רייזע האט ער געמאכט אין טיעף דרום-אראביען. „דער איטאליענישער קאנסול אין די טירקישע בעהערדען האבען איהם אפילו נישט געהייסען א הין פאהרען, ווייל אינטער די דארטיגע שבטים הערשט איצט א שטארקע אונצופרידענהייט און אויפרעגונג געגען דער טירקישער רעגירונג. בוקארדט האט זיך אבער פון זייער התראה נאר-נישט געמאכט און בעהויפטעט, אז ער מוז דיזע נסיעה אויספיהרען. דער טירקישער גובערנאטאר האט איהם אפילו מיטגעגעבען א קאמפאניע מיליטער, כדי זיי זאלען איהם שיצען, נאר קומענדיג קיין האדיידא, איז ער מיט זיינע בעגלייטענדע סאלדאטען פון דער אויפגערעגטער בעפעלקערונג ערמארדעט געווארען.

הערמאן בוקארדט איז געוועזען א זוהן פון רייכע יודישע עלטערן און האט זיך אליין אויך געפיהלט אלס יוד. אין דערפאר האט ער זיך מיט בעזונדערער ליעבע אבגעגעבען צו די פארשונגס-רייזען אין מזרח.



א נייער גרויס-ווזי'ר: האקי-ביי.



זעלבסטמארד פון א מוטער מיט א קינד.

# שנעע־לאקאמאטיווע אין אמעריקא.

אין אמעריקא איז לעצטענס ערפינדען געווארען אזא שנעע־לאקאמאטיוו, מיט וועלכען מען שלעפט ארוים ביימער מיט די ווארצלען, ווען די וועלדער ווענען שטא־ק פערשנעע־ט אזוי בענוצט מען דיזע לאקאמאטיוום, וועלכע ווערען אנגעבראכט אויף אזעלכע שמאלע שליטעלעך.

די פאהרט געשעהט אזוי ווי ביי א אויטאמאביל. דער פיהרער פונ׳ם לאקאמאטיוו זיצט פאר׳ן קעסעל און דער דאמפף־צילינדער איז אנגעבראכט אויף דער רעכטער זייט. וועלכער טרייבט מיט א מעכטיגער קראפט די טריעברעדער.

דיעזע לאקאמאטיווען מאכען דורכשניטליך 80 קילא־מעטער א טאג און שטעלען שיין צי דאס אויס־געהאקטע האלץ ביז צו דער זענע ווערק, אדער ביז צו דער באהנסטאציע. אינמבעזאנדערע נוצט מען זיי אין אזעלכע וועלדער, וואו די ביימער שטעהן איינצעלווייזע און צו בעניצען זיך מיט א שפעציעל דאצו געשאפענע שמאלע־באהן קאנוויניערט נישט.

דער גאנצער לאקאמאטיוו וועגט נישט מעהר ווי 15 טאנען און אז מ׳פולט איהם אן מיט וואסער און קויהלען, וועגט ער 18 טאנען.

# זעלבסט־מארד פון א מו־טער און א קינד.

מאנטאג דעם 3 יענער האט זיך אין וויען די פרוי פון א לעמבערגער אינסטאלאטאר אבעלעס. ארונטערגעווארפען מיט איהר קינד פון דעם 4־טען שטאק אין דער מאטהילדער־גאסע נומר 2.

סאפיע אבעלעס, איז אליין א וויענערין און האט חתונה געהאט קיין לעמבערג מיט א אינסטאלאטאר אבעלעס. נאר ווייל זי איז עפים נישט געזונד געווען, איז זי מיט איהר 7־חדשים אלטען יונגעלע געפאהרען קיין וויען צו איהרע עלטערן, וועלכע האבען איהר אבגעגע־בען א בעזונדערע וואוינונג אין דעם זעלבען הויז, וואו זיי האבען געוואוינט.

אין וויען האט זיך אפילו איהר געזונדהייטס־צו־שטאנד אביסעל פערבעסערט, נאר א דאקטאר האט זי נאך אלץ בעהאנדעלט, ווייל זי האט אביסעל געליטען גייסטעס־צעשטערונג.

דעם טאג וואס דאס אומגליק האט פאסירט, האט זי זיך צופעליג געפיהלט פרעהליך און מונטער און איז אליין געגאנגען אין דער אפאטהעק אריין בדי צו קויפען פילען פאר׳ן קינד׳ס וועגען, וועלכעס האט נאר געהאט א מאגען־קאטאר.

איהרע עלטערן האבען זיך געפרעהט און האבען געמיינט, אז זייער טאכטער איז שוין געזונד. פלוצים זענען זיי אבער איבערראשט געווארען פון א שרעקלי־כער בשורה.

סאפיע אבעלעס האט בעקומען אנפאלע פון גייס־טעסשטערונג, און אין א העכסט געריעזען צושטאנד האט זי פעסט אומא־מט איהר קינד און דורכ׳ן פענס־טער זיך אראבגעווארפען פון פיערטען שטאק.

דאס קינד איז באלד געהרג׳עט געווארען און זי האט מען תיכף אין א האפנונגס־לאזען צושטאנד אבגע־פיהרט אין שפיטאל אריין, וואו זי איז אויך אין עטלי־שעה ארום געשטארבען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער די פא־טאגראפישע אויפנאהמע, וועלכע שטעלט פאר דעם מא־מענט, ווען פרוי אבעלעס פאלט מיט איהר קינד אויף דער גאס אראב.

# א נארדפאל־מיטאג.

די גרויסע מיליאנערם צעבראכען זיך די קעפ, ווי אזוי אויסצוברענגען זייער געלד — אנדערע דאגות האבען זיי נישט!

עס גיבט מאנכע, וועלכע גיבען אוים פיעל געלד פאר וויסענשאפטליכע צוועקע, פאר קונסט און ליטערא־טור; אנדערע וויעדער שפענדען מיליאנען פאר שולען, שפיטעלער און אנדערע צדקה־זאכען, וויעדער אנדערע ברענגען אוים זייער געלד אויף פערד, אויטאמאבילס עטצ.

א גאנץ ארגינעלע ארט, אויסצוברענגען געלד, האט אויסגעקלערט דער אמעריקאנישער מיליאנער גע ארג קעסלער.

ער האט איינגעלאדען 40 זיינע חברים אין א לאנדאנער האטעל אויף א מיטאג, וועלכעס האט גע־קאסט בסך־הכל 50,000 מארק דאס הייסט אז יעדער גאסט האט אויפגעגעסען פאר צירקא 1200 מארק.

דער טאג איז געווען זעהר ארגינעל. עס איז גע־ווען א נארדפאל־מיטאג די קעלנער זענען געגאנגען אנ־געקליידעט ווי די עסקימאס, די געסט זענען געזעסען ארום א קאלעכיגען ווייסען טיש. וואס האט אויסגעזעהן ווי א אייזבלאק און אין דער מיט איז געלעגען א זילבערן טישטעך, מארקירענד נארד־פאל. די ווענד ווענען גע־ווען בעדעקט מ׳ט ווייסע קריזאנטעמען און האבען אויסגעזעהן ווי קלארער שנעע.

דער נארד־פאל מיטאג איז אויסגעפאלען זעהר ארגינעל און זיין ארגאנשער, קאן מיט איהם זיין זעהר צופריעדען. די גאנצע וועלט־פרעסע שרייבט איבער איהם און די אילוסטרירטע צייטונגען ברענגען ארגינעלע אי־לוסטראציעם פון דיזעם וועלט־שענעם מיטאג.

# א גיפט־אפערט אין פאריז.

דאס פאריזער געריכט בעשעפטיגט זיך איצט מיט א גיפט־אפערע, וועלכע דערמאנט אין דער וויענער מעשה־האפריכטער.

די געשיכטע דאפון, וואס האט א גאנץ פער־וויקעלטע פערגאנגענהייט, שטעלט זיך פאר אויף פאל־גענדע ווייזע:

אינ׳ם חודש אקטאבער 1909 איז דער טענאר פון דער פאריזער אפערא, נ א ד א ר ד, מיט זיין פרוי אויסגעפאהרען אין דעם דארף אריין בעסינעט, צו זייערע בעקאנטע דוריעוקס. אויפ׳ן שפאציער האט זיך נאראדר בעקלאגט, אז דער קאפ טהוט איהם שטא־ק וועה און מיט דער הסכמה פון זיין פרוי און פון דער פאמיליע דוריעוקס, איז ער געגאנגען זיך צו לעגען.

אהיימקומענדיג האט זיך די פרוי דוריעוקס דער־מאנט אז זי האט ערגיץ א שאכטעל אנטריפהין־פילען וואס עמיצער האט זיי מיט עטליכע טאג געשיקט און לויט דער אויפשריפט פונ׳ם שאכטעל זענען זיי א גוט מיטעל צו קאפ־וועהטאג. נאדא־ר האט צוערשט די פילען אפילו נישט געוואלט נעהמען, נור שפעט אין דער אכט ווען זיינע קאפ־שמערצען האבען זיך בעדייטענד פערגרעסערט, האט ער זיך ענטשלאסען און איינגענומען די פילען.

ווען די פאמיליע דוריעוקס. מיט נארא־ד׳ס פרוי זענען אין דער פריה אויפגעשטאנען, איז שוין דער טענאר נאדיארד געוועזען טויט.

קיינעם איז אפילו נישט איינגעפאלען צו קלעהרען אז די פילען! זענען געוועזען פערגיפטעט. נאר ערשט מיט עטליכע וואכען שפעטער איז דער פאמיליע דוריעוקס ווידער



שנעע־לאקאמאטיווען אין אמעריקא.

אָננעקומען פֿער פּאָסט אַ שאַכטעל שאָקאָלאַדען און אַ שאַכטעל מיט מושעלן. און ווייל דיעזע פּאַקעטליך האָבען נישט געהאַט קיין אַבזענדער, איז זיי די גאַנצע זאַך גע־וואָרען זעהר אויפפאַלענד און זיי האבען די שאָקאָלאַדען מיט די מושעלן איבערגעגעבען דער פּאָליציי וועלכע האָט זיי איבערגעגעבען צו אַ כעמיש־לאַבאָראַטאָריום. וואו ס'איז באַלד נאָך אַ כעמישער אונטערזוכונג פֿעסט־געשטעלט געוואָרען, אַז די שאָקאָלאַדען מיט די מושלען זענען פֿערגיפֿטעט. די פּאָליציי האָט אָבער בשום־אופן נישט געקענט קומען דאַרויף ווער עס האָט געקענט זיין דער אַבזענדער פֿון דיעזעלבע.

מיט אַ צייט שפּעטער איז רודיעוקס געגאַנגען אויף דער גאַס און האָט בעגעגענט אַ קומיע־מעדעל מאַריע באָורעט. מיט וועלכער ער האָט געהאַט ליעבעס־פֿער־העלטניסע אין ווי ער האָט גאָר געוואָלט צו איהר צו־געהן, איז זי שטאַרק איבעראַשט געוואָרען און איז פֿון איהם אַנטלאָפֿען. איהר איבעראַשונג איז איהם געוואָרען אויפפאַלענד און ער איז איהר נאָכגעלאָפֿען ביז'ן וואַרענ־הויז־אַריין, וואו זי איז געווען אַנגעשטעלט. דאָרט איז זי געבליעבען אַזוי צעשראָקען, אַז רודיעוקס האָט זי אָנגע־הויבען חושד צו זיין, אַז זי איז געווען די אַבזענדערין פֿון די פֿערגיפֿטעטע פּילען, שאָקאָלאַדען און מושעלן. ער איז באַלד אַ היים געלאָפֿען און האָט פֿערגלייכט די שריפט מיט וועלכער ס'איז געווען געשריעבען די אַד־רעסע אויף די זענדונגען, אַ קענען דער שריפט פֿון די בריעף וואָס ער האָט פֿון איהר געהאַט און האָט פֿעסט־געשטעלט, אַז ס'איז איינע און די זעלבע שריפט.

רודיעוקס האָט די זאַך תיכף איבערגעגעבען דער פּאָליציי, וועלכע האָט ביי מאַריע באָורעט דורכגעפֿיהרט אַ הויז־אונטערזוכונג. וואו זי האָט געפֿונען אַ פֿלעשיל מיט אַרסיניעק. די באָורעט האָט זיך אפילו געפּרובט פֿער־טיידיגען, אַז דאָס פֿלעשעל האָט איבערגעלאָזט אַ צימער הערר וואָס האָט דאָרט אַמאָל געוואוינט. נור די פּאָ־ליציי האָט זי באַלד אַרעסטירט און ס'איז שוין איצט כמעט זיכער, אַז זי האָט געשיקט די פֿערגיפֿטעטע גע־גענשטענדע צו דער פֿאַמיליע רודיעוקס. כדי אויף אַזאַ אופן זיך ניקם צו־זיין און רודיעוקס'ן, דערפֿאַר ווייל ער האָט נישט מיט איהר חתונה געהאַט.

# די שרפה אינ'ם העניגליכען פּאלאסט פֿון אטהען.

אין דער נאכט פֿון פֿרייטאג אויף שבת דעם 7 יענער, איז אויסגעבראכען א פֿייער אינ'ם פּאלאסט פֿון גריעכישען קעניג אין אַטהען און האט חרוב געמאכט דעם גאנצען מיטעלסטען פֿליגעל.



א גארדען־פּארטי.

דער שלאס וואס געפֿינט זיך אויפ'ן קאנסטיטוציאנ־פּלאץ איז אין די יאהרען 1834—1838 געבויעט גע־ווארען, לויט די פּלענע פֿון א לייפּציגער ארכיטעקט. פֿאר'ן קעניג אָטטאָ I. און איז ארומגערינגעלט פֿון העררליכען פּארק.

פֿרייטאג־צו־נאכטס 10 א זייגער, האבען פֿאר־ביינעהענדע מענשען בעמערקט אז ס'ברענט זיך עפּעס אין שלאס און האבען דאדויף אויפמערקזאם געמאכט דאס שלאסס־פּערזאנאל, וועלכעס האט פֿון גאר נישט געוואוסט.

אבגעברענט האט בלויז דער מיטעלסטער פֿליגעל פֿונ'ם שלאס. אין וועלכען ס'איז געווען איינגעריימט די קעניגליכע קאפּעלע, דער גרויסער פּאמפּאיאנישער באל־זאאל. די וואוגונגען פֿונ'ם הויף־פּערזאנאל און די צימערן אין וועלכע ס'האבען זיך געפֿונען טהייערע געמעלדעס און קאסטבארע מעבעל־שטיקע.

דאס פֿייער האט געדויערט א גאנצע נאכט און געמאכט שאדען אויף 1 מיליאן מיט 200,000 פֿראנק די גאנצע שטאדט איז געווען ביינאנד אפילו די געגנער פֿון דער דינאסטיע האבען זיך אויך בעטייליגט אין דער רעטונגס־אקציאן. פֿון דעסטוועגען האט מען וועניג גע־קענט ראטעווען, דען ס'האט געפֿעהלט וואסער.

אין איינעם פֿון די צימערן, וועלכע האבען אבגע־ברענט, האבען זיך א סך וויכטיגע דאקומענטע פֿון דעם בעפֿרייאונגס־קריעג קעגען די טירקען און דעם קעניג'ס פּריוואט־פּאסט. נישט אלע אבער האט מען נאך גע־קענט ארויס ראטעווען, ווייל אטייל זענען פֿערברענט גע־ווארען נאך איידער מ'האט דערזעהן האס פֿייער.

די קעניגליכע פֿאמיליע איז דעמ'לט פּונקט געווען אין זייער ווילע טאטאי, פֿון וואנען מען האט ווי טע־לעגראפֿיש בערופֿען. דער קעניג מיט ביידע פּרינצען זענען געשטאנען ביים פֿייער ביז דריי אין דער פֿריה און האבען זיך נאכגעפֿרעגט אויף פֿערשיערענע געגענשטענדע צו זיי זענען נאך דא. צו זיי זענען פֿערברענט געווארען.

וואס עס איז געווען די סבה פֿון דער שרפה איז לעת־עתה נאך, נישט פֿעסטגעשטעלט געווארען. א טייל בעהויפּטען, אז דאס פֿייער שטאמט פֿון דעם עלעק־טרישען בעלייכטונגס־ווערק דען דער בעזארגער דאפֿון איז פּונקט געווען אויף אורלויב. אנדערע וויעדער מיינען, אז די שרפה איז ענטשטאנען דורך א לעכט וואס מ'האט זיך דאפֿון אנגעבאפּט דער טיש.

דער קעניג האט אליין איבערגעפֿרעגט די הויף־דאמען איבער די אורזאכע פֿון דער שרפה, אבער אלע האבען דאס זעלבע געענטפֿערט, אז זיי האבען פֿריהער גאר נישט בעמערקט.

אויף פֿעראָרדנונג פֿונ'ם קעניג וועט מען דעם אבגעברענטען טייל פֿון פּאלאס, זיך תיכף נעהמען צוריק אויפבויען.

# א נייער גרויס־וועזיער.

אין דער טירקיי איז. פֿאָרינע וואָך פֿאָרגעקו־מען אַ ענדערונג אין מיניסטעריום, דער גרויס־וועזיער הילמי פּאשאַ האט רעמיסיאָנירט און אויף זיין שטעלע איז געקומען האקקי־ביי. דער ביזהעריגער טירקישער באָט־שאַפֿטער אין רוים.

דער נייער גרויס־וועזיער איז א בעקאַנטער פֿיהרער פֿון די יונגטירקען, וועלכע האבען איצט איבערגענומען די גאַנצע ממשלה אין זייערע הענד, ביז איצט האבען זיי זיך נאָך אַ ביסעל צוריק געהאַלטען און געלאָזט נישט־טירקישע מיניסטער פֿיהרען די ממשלה.

ווי ווייט אבער האקי־ביי פֿיהלט זיכער אויף זיין בענקיל ציינט דער פֿאַקט. אז דער באָטשאַפֿטער־פּאָסטען אין רוים וועט לעת־עתה נישט ווערען בעזעצט. האַקי־ביי רעכינט געהמליך. אויב עס וועט איהם אפשר נישט זיין מעגליך. לאנג צו בלייבען גרויס־וועזיער, און אין דיעזען פֿאַל וויל ער ליעבער צוריק קומען קיין רוים.



טאַמאַסי : די הויפּטשטאַדט וואַטהי.



די שרפה פונ'ם קעניגליכען פאלאץ אין אטהען: דער קעניגליבער פאלאץ.

# א שרעקליכע שרפה אין ווילנא.

פאר'יגען זונטאג איז פארגעקומען אין ווילנא אזא שרפה, וועלכע אפילו די ווילנער זקנים געדענקען נישט אזא גלייכען און וועלכע האט אויך געבראכט צו מענשליכע קרבנות.

דאבײ איז אויך פערברענט געווארען זאלקינד'ס הויז מיט זיין גרויסען מאגאזין, וועלכער איז געווען א מין פאריזער „לובר", וואו מ'האט אלין געקענט בעקומען, פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער זאך. זאלקינד'ס מאגאזין האט זיך גערעכענט פאר א זעלטענהייט נישט נאר אין ווילנא, אבער אויך אין אנדערע גרעסערע שטעדט אין רוסלאנד זענען אזעלכע געשעפטען נישטא. אין זאלקינד'ס מאגאזין האבען געארבייט העכער 100 מענשען אנגעשטעלטע סחורה איז געווען אויף איינע מיליאן רובל. און דער גרעסטער טייל פון איהר איז איצט פערברענט געווארען.

די שרפה האט אויסגעבראכען זונטאג פריה ארום 6 א זייגער, ווי מ'זאגט, פון די עלעקטרישע דראטען, וועלכע האבען זיך געפונען אין דעם אויסשטעלונגס פענסטער, וואו מ'האט פונאנדער געלעגט פערשידענע מיני סחורות צו די קינפטיגע חנוכה. דער פייער האט באלד ארומגעכאפט דאס גאנצע הויז, אין וועלכען ס'האבען זיך געפונען, אויסער דער גרויסער מאגאזין, אויך די אבטיילונג פון דער פעטערבורגער פריוואטער האנדעלס-געזעלשאפט, די וואהנונג פון ד"ר סאלאנאוויטש און איינע יודישע קראמען.

אין ג'כען זענען געקומען צולויפען די ביידע אבטיילונגען פון די פייערלעשער — די קאזיאנע און פרייווילינע — און געארבייט מיט אלע כוחות איינצושטילען דעם פייער, אבער דאס האט נישט געהאלפען. צוליעב די פיעל לייכט-ברענענדע חפצים, וועלכע האבען זיך געפונען אין זאלקינד'ס געשעפט, איז דער גאנצער מאגאזין באלד ארומגעכאפט געווארען פון פייער. וועלכער האט זיך פערשפרייט אויך אויפ'ן אויבערשטען עטאזש, וואו ס'האט זיך געפונען די אבטיילונג פון באנק.

א דאנק דער ארבייט און בעמיהונגען פון דע דירעקציע פון באנק, האט זיך דא'ט איינגעגעבען ארויס צוראטעווען דאס געלד. ווערט-פאפיר'ען און וועקסלען אויך די קאסע האט מען דורכ'ן פענסטער ארויסגעווארפען אויף דעם ר"ר סאלאנאוויטש מיט זיין פאמיליע האט זיך נאר א דאנק א צופאל איינגעגעבען ארויסצוראטעווען זיך לעבערינגעהייט פון 2-טען שטאק וואו זיי האבען געוואהנט.

2 א זייגער בייטאג, דאס הייסט נאך 8 שעה ברענען, זענען פון זאלקינד'ס גרויסען הויז איבערגעבליבען נאר די אבגעברענטע ווענד אליין. עס זענען אויך פערברענט געווארען איינינע יודישע קראמען, וועלכע האבען זיך געפונען אויף יענעם זייט הויז. צו רודניצקע גאס צו; מיט נסים איז געבליבען אונבעריהרט זענע זאלד'ס אייזען געשעפט.

דער פייער האט זיך אריבערגעטראגען אויך אויף איינינע נאהנטע הייזער. אבער דארט האט עס קיין גרויסע היזקות נישט אנגעמאכט. ערשט ארום 8 א זייגער אין אווענד האט זיך איינגעגעבען דעם פייער צו פערלעשען.

ווי מיר האבען שוין געזאגט, זענען אויך געווען מענשליכע קרבנות. אין פייער איז אומגעקומען, ווערענדיג פריהער פערשאטען דורכ'ן סוסיט. דער געהילף פון בראנד מייסטער קאנסטאנטין ענגעלעוויטש. איינינע פייער-לעשער זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

צוליעב דעם גרויסען עולם, וואס איז געשטאנען א גאנצען טאג ארום דעם ארט פון דער שרפה, האטען די פערשידענע באנדיטען און גנבים אוועקגעשלעפט דאס, וואס עס האט זיך איינגעגעבען צו ראטעווען פון פייער. נישט קוקענדיג אויף דעם. וואס דער פלאץ איז געווען ארומגערינגעלט פון פיעל מיליטער און פאליציי.

זאלקינד'ס מאגאזין איז געווען אסעקורירט אין 6 אסעקוראנץ-געזעלשאפטען.



א כינעזישער דאקטאר: טזאדפזוק-מסי אין בעגלייטונג פון זיינע חברים.

# א רעקארד אין א פליה-מאשין.

דער פראנצויזישער אוויאטיקער לייטהנאנד, האט פאר'יגע וואך ערדייכט דעם העכסטען רעקארד פון זיין פליעה-מאשין.

ער איז געפלויגען ביז 1050 מעטער הויך און האט דורכגעמאכט 46 קילאמעטער אין 50 מינוט.

לאטהאם איז בעקאנט אלס איינער פון די טיכטיגסטע אוויאטיקער. ער האט עס צוערשט געפרובט דורכצוקוועדען דעם קאנאל לאמאש מיט זיין פליעה-אפאראט. איידער ס'איז בלעריאה'ן געלונגען צושטאנדע צו ברענגען דיזע קונסטשטיק.

ער האט אבער דאך נישט געהאט קיין גליק. דאס ערשטע אט איז ער ארויסגעפאלען אין מיטען וועג; דאס צווייטע מאל האט ער שוין געהאט באלד ערדייכט דעם ברעג, ווען דער מאטאר איז געבליבען שטעהן און ער האט געמוזט איינגעבען זיין פערזיך, בלעראט האט ביי איהם דערווייל אויסגעכאפט דעם זיעג און זיך גאמען איז בער'המט געווארען אין דער גאנצער וועלט.

לאטהאם רוהט אבער נישט און שווינט נישט. אט דערווייל אונטערדריקט ער כסדר גרעסערע רייזען און איצט איז איהם געלונגען צו ערדייכען דעם העכסטען רעקארד זאוואהל אין דער הויך ווי אין דער שנעלינקייט.



פארשונגס רייזענדער ערמאדעטע: דער ערמאדעטע הערמאן בוקהארדט.



מאמאטי: דער גובערנאטאר פירסט קאפאסיס עפענדי.

# דער וואהל־קאמפף אין ענגלאנד.

וואס נעהנטער עס קומט דער טאג פון די וואהלען צום ענגלישען פארלאמענט, אלץ העפטיגער ווערד דער קאמפף צווישען די פארטייען.

די קאנזערוואטיווען שטרענגען אן אלע זייערע כחות, צו בעזיגען זייערע געגנער די ליבעראלען און ווי די פערהעלטניסע זענען ביז איצט, קען מעגליך זיין, אז זיי וועלען טאקי, זיגען. דער זיג זייערער וועט אדער נישט זיין אזוי גרויס. אז זיי זאלען קענען בעקומען די מאיא־ריטעט אין אונטערהויז. און איבערדעם רעכענט מען שוין איצט מיט א נייער וואהל־בעוועגונג און א נייעם וואהל־קאמפף.

די קאנזערוואטיווע פאליטיקער שטיצען זייער אגי־טאציע הויפטזעכליך אויף דעם. וואס זיי שרעקען דאס פאלק מיט א איבערפאל פון דייטשער זייט. און כאטשי די ליבעראלען מאכען חוזק דאפון און לאכען פון די קאנזערוואטיווען וועגען זייער מורא — איז אבער דאס ענגלישע פאלק אין די לעצטע וואכען אזוי איבערגע־שראקען געווארען פאר דייטשלאנד, אז עס גלויבט אלעס און ניעט זיינע שטימעס צו די קאנזערוואטיווען כדי זיי זאלען איהם שיצען פאר דייטשלאנד דורכ'ן בוי פון נייע קריעגס־שיפען...



א לופט־פליהער גטטעטעט: דער פעראונגליקטער לופטפליהער פעלעקראנש.

און אזוי. שפיעלט כמעט דייטשלאנד די ערשטע ראלע אין דיעזען וואהל־קאמפף און עס איז לעכערליך צו הערען, אז ביי יעדער וועהלער־פערזאמלונג בעפאסען זיך די רעדנער מעהר מיט דייטשלאנד ווי מיט ענגלאנד גופא.

די וואהלען זעלבסט וועלען פארקומען די אנדערע וואך.

דער מיניסטער־פרעזידענט אסקוויט ארבייט מיט אלע כחות, צו ערהאלטען דעם זיעג פאר זיין פארטיי — אויב ס'וועט איהם געלונגען, איז א גרויסער ספק.

# פראפעסאר לודוויג פריעד־לענדער געשטארבען.

אין שטראסבורג איז געשטארבען פראפעסאר דר. לודוויג פריעדלענדער. וועלכער איז געווען איינער פון די עלטערסטע אלטערטומס־פארשער אין דייטשלאנד.

פריעדלענדער איז דעם 24 יולי 1824 געבוירען געווארען אין קעניגסבערג ביי יודישע עלטערן. דארט האט ער געענדיגט די אוניווערזיטעט און אינ'ם יאהר 1847 איז ער געווארען פריוואט־דאצענט פון דער קע־ניגסבורגער אלבערטינא־אוניווערזיטעט, וואו ער האט גע־לערנט ביז'ן יאהר 1890.

אינ'ם משך פון דער צייט האט ער געשריעבען מעהרערע וויסענשאפטליכע ווערק און האט אויך בעקומען דעם טיטעל געהיימער רעגיערונגס־ראטה.

אינ'ם אנהויב פון די נייגציגער יאהרען פון פא־ריגען יאהר־הונדערט האט ער זיך ענטזאגט פון זיין פרא־פעסאר־שטעלע און האט זיך בעזעצט אין שטראסבורג, וואו ער האט זיך אבגעגעבען אויסשליעסליך מיט וויסענ־שאפטס־שטודיען.

פון אלע זיינע ווערקע האבען דער גרעסטען רושם געמאכט זיין קריטיק איבער האמער'ן, וואס ער האט פער־עפענטליכט אינטער דעם טיטעל: „די האמערישע קריטיק פון וואלף ביז גראטע". און דאס ווערק „דארשטעלונג פון רוים'ס זיטענגעשיכטע". וועלכעס האט ביז היינט דערלעבט די אכטע אויפלאגע.

פון אנדערע וויסענשאפטס־פארשער, האט ער זיך אונטערשיידעט דאמיט, וואס זיין גרעסטעס אידעאל איז געווען, די וויסענשאפט צו פאפולאריזירען און זי צו מאכען צוגענגליך פאר די ברייטע פאלקסמאסען. זיינע ווערקע זענען געלעזען געווארען נישט בלויז פון דער אינטעליגענץ נאר אויך פונ'ם המון, ביי וועלכען ער האט געוואונען די פולסטע סימפאטהיע און זיין טויט האט דערפאר איבערראשט גאנץ דייטשלאנד.

# הויז־רייניגונג מיט דאמפף.

ווי בעקאנט, הערשט אין לאנדאן זעהר אפט, בעזאנדערס אבער אין דער ווינטערסצייט, א שרעקליכער נעפעל. פשוט „וימש חושך". עס זעהט נישט איינער דעם אנדערן. אין מיטען העלען טאג ווערד פלוצלינג פינסטער מען מוז אנצינדען איבעראל לאמפען ווי אין מיטען דער נאכט. די טראמוואיס, די אמניבוסען מוזען כסדר קלינגען, כדי צו ווארנען די פאראיבערגעהענדען, ווייל זאנסט וואלטען געשעהן די גרעסטע אונגליקען.

דיעזער נעפעל איז פאר דער לאנדאנער איינוואה־נער זעהר געזונדהייטס־שעדליך און זעהר פיעלע מענשען קענען איבערדעם די לאנדאנער לופט נישט פערטראגען. אבער אויך די הייזער ליידען שטארק דערפון, ווייל דער זעצט זיך אויף די ווענד, מאכט זיי שמוציג און פייכט אין זיי ווערען דאדורך שטארק בעשעדיגט.

כדי דאס אפצוהעלפען האט מען איצט ערפינדען א ניי מיטעל, וועלכעס ערוויזט זיך זעהר פראקטיש און צוואר ווערען די הייזער גערייניגט מיט דאמפף. נעבען די הייזער שטעלט מען צו גרויסע מאשינען, דער דאמפף נעמט ארום די ווענד און באופן זה ווערען זיי שנעל



דער וואהלקאמפף אין ענגלאנד: מיניסטערפרעזידענט אסקוויט.

און גרינדליך אבגערייניגט פונ'ם שמוץ און פון דער פייכטינקייט.

דיעזעס מיטעל וועט ווארשיינליך ווייטער אויך אין אנדערע לענדער אנגעווענדעט ווערען, כדי צו ריי־ניגען דעם שמוץ פון די ווענד. עס איז בילינער ווי אויפ'ס ניי קלעבען און ערפארדערט ווייניגער ארבייט.

# א פעראונגליקטער לופט־פליהער.

א טראגישער אנפאל איז פאריגע וואך געווען מיט'ן לופט פליהער פעלעקראנש.

ער האט אונטערגענומען א פליעה־פערזוך מיט א נייעם פליה־אפאראט אויפ'ן פליעה־פלאץ ביי סוי (פראנקרייך).

קוים איז ער געווען 30 מעטער הויך, איז ער אראב־געשטירצט מיט'ן אפאראט, און געבליעבען טויט אויף דער שטעלע.

פעלעקראנש געהערט צו די בעגרינדער פון דעם מאדערנע פליעה־שפארט און זיין טראגישער טויט ער־רעגט אלגעמיינע שהיילנאהמע.



פראפעסאר לודוויג פריעדלענדער.



א לופט-פליעה-רעקארד: דער לופטפליעהער לאטהאם און זיין שילערין

# וועז וועט די וועלט אונטער־געהען?

זעהר א שטארקען איינדרוק האט געמאכט אין דער גאנצער וועלט די פארזאגונג פון דעם בעריהמטען אסטראנאם פלאמאריאן, אז דעם קומענדיגען 18־טען מאי וועט די וועלט אונטערגעהן.

אזעלכע פארזאגונגען זענען שוין אפילו קיין נייעס נישט. ווער געדענקט נישט דעם שרעק און טומעל, וואס האט ארויסגערופען מיט איינינע יאהר צוריק דער געווי־סער פאלב. אויך פאראיאהרען האט זיך געפונען א מין נביא אין אמעריקא, וואס האט געווארפען א שרעק אויפ'ן פאנאטישען המון, וואס האט געגלויבט אין איהם, און האבען זיך פאר־בערייטעט צום טאג פון וועלט־חורבן מיט יללות און תעניתים.

פלאמאריאנ'ס פארזאגונג איז אבער נישט קיין נבואה. פלאמאריאן איז אויך נישט אבי־ווער. זיין נאמען איז בעוואוסט אין דער גאנצער וויסענשאפטליכער וועלט אלס איינער פון די גרעסטע אסטראנאמען. ער פער־טרעט די שטעל פון א דירעקטאר אין פאריזער אבסער־וואטאריום. און זיין מיינונג וועגען דער וועלט־אונטער־גאנג האט א געוויסען וויסענשאפטליכען גרונד, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען.

פלאמאריאנ'ס מיינונג וועגען דער וועלט־אונטער־גאנג בעשטעהט אין דעם, וואס דעם 18־טען מאי פון יאהר 1910 דארף דער קאמעט האליי ציקומען אם נעהנטסטען צו דער ערד, און וועט זיך געהען אין אזא מרחק, אז זיין קאפ וועט דאמאלסט זיין ווייט פון דער ערד אויף 25 מיליאן קילאמעטער.

אויף אזא אופן וואלט אייגענטליך די ריזיגע דארפען זיין א גאנץ קליינע, נאר אזוי ווי די לענג פון זיין עק האלט אבער אמאל ביז 56 מיליאן קילאמעטער־ און אזוי ווי ס'קענען טרעפען, אז דער קאמעט איז אנ־געשטעלט מיט'ן עק צו דער ערד, און דאן מוז זי זיך מיט איהם אנשטויסען ארער אין בעסטען אופן דורכגע־העהן דורך איהם. און אזוי ווי ס'איז בעוואוסט, אז די קא־מעטען־עקען ענטהאלטען אין זיך גוואלדיגע גאזען און איבערהויפט וואסער־שטאף, איז דארום זעהר מעגליך, אז ביים דורכגעהן פון דער ערד דורך דעם עק פון דעם האליישען קאמעט זאל זיך פערבינדען דער שטארק ברענענדיגער און אויפרייסענדיגער וואסער־שטאף מיט'ן וויערשטאף פון דער ערד־אטמאספערע און ס'וועט אויס־ברעכען אזא גוואלדיגע עקספלאזיע, וועלכע וועט מאכען א סוף פון גאנצען ערד־קוגעל.

פון דער דאזיגער ערקלערונג זעהט מען, אז פלא־מאריאן אליין זאגט נישט, אזוי ווי אנדערע צייטונגען האבען פערשפרייט דעם קלאנג אום צו מאכען א גרויסע סענסאציע צווישען פובליקום, אז דעם 18־טען מאי וועט די וועלט געוויס אונטערגעהן. ער זאגט נאר, אז דאס קען פארקומען אים פאל, או דער קאמעט וועט אויסקומען מיט זיין עק צו דער ערד. דערווייל איז אבער דער קאמעט האליי צו ווייט פון אונז. או מען זאל שוין איצט זיין אום שטאנד צו רעכענען וואס פאר א ריכטונג זיין עק וועט נעהמען. אויסער דעם זענען אויך פארהאן גרויסע חלוקי־דעות צווישען די אסטראנאמען וועגען די שטאפען, פון וועלכע ער בעשטעהט, און ווי ווייט ער וועט קענען ווירקען אויפ'ן ערד־קוגעל. פיער פון די גרעסערע אסטרא־נאמען זענען מודה, אז אויב דער קאמעט זאל טאק בעריהרען די ערד, איז טאקי זעהר מעגליך, אז ס'זאלען פארקומען געוויסע אסטראנאמישע ערשיינונגען. זיי רע־כענען אבער, אז צו קיין חורבן וועט עס נישט קומען, ווייל דער עק פון קאמעט איז אזוי דין און ווייך, אז די ערד מיט איהר אטמאספערע איז קענען איהם א פעסטע הארטע קוגעל, וועלכע וועט אודאי מיט א מורא'דיגער געשווינדיגקייט און ראש גלאט ארורכפליהען דורך איהם.

דאס רוב אסטראנאמען מיינען, אז ניכער וועט זיך די גאנצע בעגעגעניש פון אונזער ערד מיט'ן קאמעט האליי, וואס דארף פארקומען דעם 18־טען מאי, ענדיגען מיט א זעהר שענער ערשיינונג פון פאלענדע שטערען אקוראט ווי א שטערען־רעגען פון הימעל.



הויז-ריינינונג מיט דאמפף.

# א כינעזישער דאקטאר.

אויף דער בערלינער אוניווערזיטעט איז פארינע וואך פארגעקומען א זעלטענע פראמאציע.

אין דער אנוועזענהייט פון פיעל לאנדסלייט איז דא־ט דער כינעזישער סטודענט טוא־ טשוק־טשו פראמאווירט געווארען צום דאקטאר דער רעכטע.

זיין אפאגענט ביי דער פראמאציע איז געוועזען דער לעגאציאנס סעקרעטער אין דער כינעזישער לאנדשאפט אין בערלין, דר. וואנק.

די וויסענשאפטליכע ארבייט פון דעם כינעזישען דאקטאר בעהאנדעלט דאס טהעמא: די רעפארם פון כי־נא אין פערפאסונג, פערוואלטונג און רעכטשפרעכונג אונ־טער בעריקזיכטיגונג פון די ענטשפרעכענדע איינריכטונג אין איירופא".

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דעם נייעם כינעזישען דאקטאר אין בעגלייטונג פון דר. וואנק און נאך איינעם פון זיינע לאנדסלייט.



[illegible] צימבאליסט:

# לעזט

## די נייע יודישע טעגליכע צייטונג

# „דער טאג"

„דער טאג" איז רעדיגירט אויף דעם מאדערנסטען אופן פון זיכטינסטע פובליציסטישע און ליטעראַרישע קרעפטע און בעפאַסט זיך מיט אַלע פראַגען פון עפענטליכען לעבען.

„דער טאג" ברענגט אין יעדער נומער די אויספיהרליכסטע אינפארמאַציעס איבער אַלע וויכטיגע עראייגניסע אין דער אַלגעמיינער וועלט בכלל און אין דער יודישער וועלט בפרט.

„דער טאג" האט אַ נעדיענענעם ליטעראַרישען אינהאַלט; יעדע נומער ענטהאַלט די אַלערלעצטע ידיעות פון די ערשטע קוועלען, פון די אפיציעלע קארעספאנדענץ־ביוראָ'ס און פון שפעציעלע קאָרעספאנדענטען אין אַלע גרויסע שטעדט.

„דער טאג" האט זיינע שפעציעלע קארעספאנדענטען אין אַלע אויסלענדישע הויפטשטעדט, אין אַלע יודישע מרכזים, און די לעזער פונ'ם „טאג" זענען אינפאָרמירט איבער אַלעם וויכטיגע און אינטערעסאַנטע, וואס האט זיך עראייגנעט אין דער גאַנצער וועלט.

צו דער שבת'דיגער נומער פון דעם „טאג" ווערען צוגעגעבען

### צוויי בחנם'דיגע בייל‍אגעז

א הומאָריסטישע און א ליטעראַרישע מיט אָריגינעלע אַרטיקעל, קאַריקאַטורען און הומאָרעסקען פון די בעסטע יודישע שרייבער.

„דער טאג" איז א אונפּארטייאיש בלאט. ער נעהמט שטעלונג צו אַלע פראַגען פון יודישען לעבען, אָפען און קלאַר. נישט בעענגט פון פּאַרטיי־ריקזיכטען און נישט געלייטעט פון אַניטאַטאָרישע ציעלע.

„דער טאג" איז כאופן זה דאס ארגאן פון כלל־ישראל. יעדער יוד געפונט אין איהם, וואס איהם אינטערעסירט. יעדע טעטע זאך געפונט אין איהם איהר וואַרמען פערטרעטער. יעדע שעדליכע איהר ענערנישעסטען בעקעמפפער. אָהן ריקזיכט פון וועלכער זייט זיי וועלען אויסגעהען.

### „דער טאג" קאָסט:

**אין קראקא און אין לעמבערג:**
מאָנאטליך 1.20 קראָנען.
פיערטעליעהרליך 3.50 „
האַלביעהרליך 7.— „
איינצעלנע נומער 6 העלער.

**אין גאַנץ עסטערייך:**
מאָנאטליך 1.50 קראָנען.
פיערטעליעהרליך 4.— „
האַלביעהרליך 8.— „
איינצעלנע נומער 8 העלער.

**אין רוסלאַנד:** מאָנאטליך 50 ק. פיערטעליעהרליך 1.50 רובל. האַלביעהרליך 3 רובל. איינצעלנע נומער 2 קאָפּ.

**אין אויסלאַנד:** מיט טעגליכער צווענדונג פער קווארטאל 7 פראַנק. גאַנציעהריג 25 פראַנק. איינצעלנע נומער 12 סענטים.

## פּרעמיע פאר די אבאָנענטען.

די דירעקטע אַבאָנענטען פונ'ם „טאג" בעקומען אלס בחנם'דיגע פרעמיע די אילוסטרירטע ליטעראַריש־בעלעטריסטישע מאָנאַטשריפט **„בית ישראל"** (א פאַמיליענבלאט פאַר יעדען יודישען הויז).

דאס ערשטע העפט ערשיינט שוין אים קומענדען חודש יענער.

די אַבאָנענטען פון דער „יודישער אילוסטרירטער צייטונג" בעקומען דעם „טאג" מיט 10% ביליגער. עבענזאָ וועלען די אַבאָנענטען פון דעם „טאג" בעקומען די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" מיט 10% ביליגער.

אדרעסע: **Redakcya „DER TAG" (Dzień) Kraków, Grodzka 62.**

**Skrzynka pocztowa 124.**

פאַר רוסלאַנד: י. מערעצקי, ווארשא, נמיעלנא 49. פיליע אין לאדז: פשעיאור 16.

# עפּילעפּסיע.

ווער עס אן פאלוכט. קרעמפפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט. פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס אונד פראנקא דורך די

**Privil. Schwanen-Apotheke Frankfurt a. M.**

# Packet-Träger

und Knebel liefert billigst

Hans Pruner, Gloggnitz N. Ö.

# Rehgeweihe

Hirsch geweihe Hirsch-[illegible]

u. s. w. suche ich zu kaufen Offerten mit Preis unter „DB" 378 an **Rudolf Mosse, Dresden.**



וואדאוואסער־מאשינען קופּפער צילינדרע אלעראַרט בעדאַרפס־אַרטיקעל פיר וואַ־וואסערפאבריקען ליפערט ביללינ

Brückenstein Lemberg, Panieńska 15.

## Kaufm. Fern-Unterricht!

בוכפיהרונג (אללע סעטהאדען) האנדעלסקארעספאנדענץ, דייטשע או. פאלנישע שפראכלעהרע, קויפמ. רעכנען, האנדעלסאו. ועכסעלרעכט, וואַרענקונדע, געאגראַפיע, שענשרייבען, עספּעראַנטאַ-וועלטשפראַכע, וועלט-געשיכטע, קאנטאר-פראקסיס, סטענאגראַפיע (אללע סיסטעמע) א.ז.וו. יעדערמאַן ערמעגלען אהנע בעזאנדערע פארקענטניסע אים בריעפליכען וועגע אונד אין קורצע צייט גרינדליך ערלערנען. — ביי גלייכצייטינער טיילנאהמע אין 4 לעהרפעכערן,

**Stenographie gratis**

האנאראר מעססיג, — ערפאלג גאראנטירט!

Gründl. briefl. Ausbildung zum tüchtigen Kaufmann.

אנפראגען נור געגען רעטורקארטע, פראספעקטע א 50 העלר פראכבריעפע K. 2.50 פראנקא.

Bücher-Lieferung gegen Monatsraten!

Graetz, Gesch. d. Juden 13 B.
Meyrs, Con. Lexicon 20 „
Brockhaus „ 17 „
Spamers, Ill. Weltg. 11 „
Inlönder Kon. p. d. Wörterbuch 4 „
Brehms Tierleben 11 „
Leixner, Literaturg. 4 „
Kaufm. Bibliothek 5 „
Weltall u. Menschheit 5 „
Allgem. Naturkunde 10 „
Sämtliche Klassiker (illus.)
Gediegene Belletristik

Alles in neuester Auflage u. in Prg. gebunden liefert solventen Personen gegen Monatsraten v. K. 5. aufwärts.

**Erstes commer. Unterrichts-Institut**

Abteilung fur briefl. Unterricht

Weissmann Podgórze-Krakau

## Zakład wodoleczniczy

i sanatoryum specyalnych chorób nerwowych

**Dra Łupczyńskiego,**

**Kraków, ul. Szujskiego 11.**

MARKA OCHRONNA

## Cacao Hoff

Przewyższa wszystkie dotychczasowe marki.

Jana Hoffa Fabryka czekolady i kakao · WIEDEŃ-STADLAU ·

## Kluge Eheleute

bestellen sofort gegen Einsendung von nur 60 Heller in Briefmarken das Buch Ehe u. Liebe ohne Kinder, durch Frau

**Hüller, Leipzig-Li., 22.**

Für Wien-Reisende!

## Hotel Nordwestbahn

**Wien II, Taborstr. 47**

(beim Nordwest u. Nordbahnhof) empfiehlt schöne, reine Zimmer um K. 2 50 8 Min. vom Stadtzentrum. Alle Auskünfte im Hause.

***Zimmermann,*** Besitzer.

## אלערפיינסטען טהעע אונד קאפע

פערזענדעט פער פאסט פון איין קילא אנגעפאנגען. פאן 4 קילא אויפווערטס וענרע פראנקא אונד אנגרא-פרייזע בערעכנעט. אן וויעדערפערקייפער גרויסער ראבאט.

דא איך איין גרויסעס לאגער דירעקט אויס טריעסט האבע זא זינד די פרייזע מעסיג: טהעע פאן 4 קר', קאפע פאן 2.40 אויפווערטס. אויף פאקעל טהעע פון 6 h. אנגעפאנגען בעקאממען וויעדערפערקייפער 30°/ₒ ראבאט.

Alexander Frey, Nowy-Targ.

## Bettnässen!

Befreiung sofort, Alter und Geschlechts angeben. Auskunft umsonst. **Institut Aeskulap Nr 476 Regensburg** in Bayern.

# „VLAHOV"

najlepsza hygieniczna specyalność światowej sławy, o cudownie wzmacniającem działaniu na żołądek.

# „MARASCHINO CREME"

przewyższa wobec swej doskonałości wszystkie pod tą nazwą wyrabiane likiery,

dostarcza:

# R. VLAHOV, Zara w Dalmacyi.

Zastępca dla Galicyi i Bukowiny:

# ALOJZY GROBLER

Dom komisowy w Krakowie. Telefon Nr. 518.

## Reparaturen

von

**Nähmaschinen**

aller existierenden Systeme

wie auch

**Elektrischer-Glocken**

übernimmt

zu billigen Preisen

**Erwin Fuchs**

Elektro-Mechanische-Anstalt- und technische Niederlage.

**Krakau, Senackag. 10.**

Provinz-Aufträge werden promptest effektuirt.



Zeïdijje

Soeben erschienen

# „ZEÏDIJJE"

## Das goldene Buch der Schönheitspflege

Verfasst von **Ph. MR. GUSTAV PROCHE**

Apotheker und Inhaber des ... Laboratoriums **Brcka**, Bosnien.

**Inhalt:**

1. Vorwort.
2. Was ist die Schönheit?
3. Was nennt man Schönheitspflege?
4. Jede Dame kann schön werden.
5. Systematische Schönheitspflege.
6. Wie die Orientalin die Schönheitsmittel gebraucht.
7. Ueppiger Haarwuchs.
8. Behandlung spröder, struppiger Haare.
9. Pflege der Augenbrauen und Wimper.
10. Haarfarbe schwarz.
11. Tägliche Mund- und Zahnpflege.
12. Gutachten.

Versand diskret gegen Vorauseinsendung von 60 Heller (auch in Briefmark.) portofrei durch:

Parfumerie ORIENTALE

GUSTAVE PROCHE BRCKA-BOSNIE

ОРИЈЕНТАЛСКА ПАРФИМЕРИЈА

Густав Прохе, Брчко-Босне

